NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13481

ELF TEKHTER

Leib Kvitko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאטל ביקליאטשעק

ל. קוויטקאָ

עלף טעכטער

מעלוכע־פֿאַרלאַג ,דער עמעס,, מאָסקווע 1940

ל. קוויטקאָ

עלפ טעכטער

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1940

עלעפ טעכטער

1

וואָס מײַנ אלטיטשקע האָט מיר געבראכט צו טראָגנ,
אָט דאָס האָב איכ געהאט, אָט דאָס פלעג איכ פארמאָגנ:
עלעפ טעכטער, ווי די בעכער,
איינע פונ דער צווייטער העכער,
איינע פונ דער צווייטער ברייטער,
איינע שענער פונ דער צווייטער, —
איינ כיסאָרנ האָבנ זיי —
עסנ, עסנ ווילנ זיי.

קויפנ מיר א הערינג — האָט ער נאָר איינ עקל,
נעמענ מיר אימ טיילנ מיט כאָכמע, סע זאָל קלעקנ:
סאָרע, ריווקע, ראָכל, קיילע,
עלקע, שפרינצע, טײַבל,ביילע,
פייגע, פריידע אונ די קלענסטע —
אונ דער קלענסטער קומט דאָס שענסטע!

איינ כיסאָרנ האָבנ זיי —
גרויסע שטיקלעכ ווילנ זיי.

טרעפט זיכ, ווי סע טרעפט זיכ, אונ סע פעלט דער גראָשנ,
זיצט מענ אָנעם הערינג, ס׳לעמפל אויסגעלאָשנ:
טוט מענ פיסנע פלעצל פיקנ,
פיקנ, פליקנ, ס׳הארצ דערקוויקנ,
אונ די שטארקע ציינער קנאקנ —
מײַנע מוידנ האָבנ באקנ!
איינ כיסאָרנ האָבנ זיי —
נאדנ, נאדנ דארפנ זיי.

2

איצטער טוט א קוק אפ מיר:
קענאָרע פריש, — א כאלע!
עלעפ טעכטער? —
ס׳א געלעכטער!
ס׳א געלעכטער —
עלעפ טעכטער!
כ׳האָב זיי אויסגעגעבנ אלע,
מ׳האָט זיי אויסגעכאפט בא מיר.
איכ האָב כיילעק אינעם לאנד,

אומעטום אינעם פארבאנד, —
און יעדע בעט זיך: „קום צו מיר״,
און איך — איך ווייס ניט ווי׳נ אפרי׳ר!

כ׳זאָג אײַך — א געווינס א ריינס, —
איך פאָר אינ לאנד אפ רײַזנ:
עלעפ טעכטער! —
ס׳א געלעכטער?
ס׳א געלעכטער —
עלעפ טעכטער?
און פארמעגלעכע—אנ אײַזנ!
כ׳זאָג אײַך, — א געווינס א ריינס!
קלאפנ קלאפט מענ מיר אינ טיר
און מע פרעגט זיך אָנ בא מיר,
צי האָב איך נאָך א מיידל איינס,
ווי יענע מײַנע, נאָך איינ שיינס:

מאזלטאָוו!

1

— אז ער גייט מיר ניט פון זינען,
אז איך הער אינ שלאָפ זײַנ קאָל,
אז איך וייס, איך האָב געפונענ,
וואָס סע טרעפט איינציינציק מאָל.
נאָר אים ווײַזנ? כ'בינ פון זינענ?
אז ער האלט זיך קאלט, ווי שטאָל!

כ'טו פון אָרט זיך ניט קיינ קער —
אויב זיך מוידע זײַנ, — זאָל ער!

2

— אז זי שטייט מיר פאר די אויגנ
מיט איר גאנג און מיט איר שטאלט,
ווי זי וואָלט מיך צוגעצויגנ
מיט א קישעפ-קראפט און האלט.

נאָר איך וויל זיך איר ניט בויגן, —
אז זי האלט זיך שטאָלץ און קאלט!

איך בין אויכעט ניט פון די —
אויב זיך מוידע זײַן, — זאָל זי!..

3

ביידע שטארקן זיך אוןווארטן,
ווער וועט מיטן וואָרט ארויס:
מיטן צארטן און געגוארטן,
וואָס דאָס הארץ נאָך דעם גייט אויס.
זיפצן, אָכצן אײַנגעשפּארטע,
און די ווארטעניש איז גרויס.

זיפצן, אָכצן האָט א סאָף —
גיט זיי אָפּ א מאזלטאָוו!

די שוועּ

— דו זאָלסט מיר, טײַערער, א שוועּ שוועּרנ
באַם הימל-שטערנ, באַם קרעמל-שטערנ, —
אז ווּ דו ביסט, אז ווּ וועסט זײַנ נאָר,
פארגעסטו ניט די ליבע דײַנע.

— איכ וועל דיר, טײַערע, די שוועּ שוועּרנ
באַם הימל-שטערנ, באַם קרעמל-שטערנ, —
אז זאָל איכ זיי ניט זעענ מער,
אויב פונ אנ אנדערער איכ קלער!

מײַן טײַערער

כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו סאָסנעס אינעם װאַלד,
איז אײנע אין דער צװײטער ניט געראָטן.
אױ, אַזױ, מײַן טײַערער, — ניטאָ גאָר אַזאַ שטאַלט, —
ד׳ערפֿאַר טאַקע דאָס שײדן זיך
טוט אין האַרצן בראָטן!

איך װעל דיך פֿאַרגעסן?! איך?! — קײנמאָל אין דער
װעלט!
דאָס װעלן ניט דערלעבן גאָר די סאָנים.
אױ, איך בין דײַן סאָנישניק, און דו — די זון, װאָס
קװעלט,
אױ דו שטײסט — אַהינצו נאָר
דרײט זיך אױס מײַן פּאָנים.

די קאַלע וויל ניט דעם כאָסן

זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפֿן ערשטן שליטן,
אויפֿן ערשטן שליטן,
אַלע מעכוטעניסטעס, —
די קאַלע אינדערמיטן,
די קאַלע אינדערמיטן.

— אוי-אוי, —
זינגען אַלע,
נאָר ס׳ע שווײַגט אַליין די קאַלע.
— אוי!

זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפֿן צווייטן שליטן,
אויפֿן צווייטן שליטן,
אַלע מעכוטאָנימלעך —

דער כאָסן אינדערמיטן,
דער כאָסן אינדערמיטן.

— אוי-אוי, —
זינגען אלע,
נאָר סע שווײַגט אזוי די קאַלע.
— אוי!

זײַנען מיר ארויסגעפאָרן
אפן דריטן שליטן,
אפן דריטן שליטן,
קאלעס צאד און כאָסנס צאד, —
די קלעזמער אינדערמיטן,
די קלעזמער אינדערמיטן.

— אוי-אוי, —
שפּילן אלע,
וואָס זשע שווײַגט אזוי די קאלע?
— אוי!

ווי מיר זע'ן ארויסגעפאָרן,
פליט פארבײַ א רײַטער,
פליט פארבײַ א רײַטער,
האָט די קאלע אופגעפלאמט,

ווי א פײַער-שײַטער,
ווי א פײַער-שײַטער.

— אוי-אוי, —
שווײַגן אלע,
נאָר סע זינגט אליין די קאלע...
—אוי!

שליטעלעך, איר שליטעלעך,
מעגט צוריק שוין פאָרן,
מעגט צוריק שוין פאָרן, —
כאָסן-לעב, אוי, כאָסן-לעב,
אז ווײ צו דײַנע יאָרן,
אז ווײ צו דײַנע יאָרן.

— אוי-אוי, —
אויקען אלע, —
זעט א כאָסן אָן א קאלע —
אוי!..

ווער צעפּיקעט!

— סאָרקע פּערעבענדיע
וויל קיין דינסט ניט בלײַבן.
— וואָס זשע וויל זי, סאָרקע?
— זי וויל זיך לערנען שרײַבן.

— אָט האָסטו, ווי געפּעלט אײַך,
ווען טאַנצט זי נאָך?!
שרײַבן נאָר איר פּעלט נאָך, —
א מיידל מיט א שטאָך!

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט, —
ווער צעפּיקעט, באַלעבאָס, —
סאָרקע שרײַבט שוין אָס באַ אָס!

— סאָרקע פּערעבענדיע
זעצט זיך שיר ניט וויינען.
— וואָס זשע וויל זי, סאָרקע?
— וויל זיך לערנען ליי׳נען.

— אָט האָסטו, ווי געפעלט אײַך,
ווענען טאנצט זי נאָך?!
ליי׳נען נאָר איר פּעלט נאָך, —
א מיידל מיט א שטאָך!

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט אפן אָרט —
סאָרקע ליי׳נט שוין וואָרט בא וואָרט!

— סאָרקע פּערעבענדיע
וויל זיך לערנען ווײַטער.
— וואָס זשע וויל זי ווערן נאָך?
— א ברען אנ אגיטאטער.

— אָט האָסטו, ווי געפעלט אײַך,
ז׳האָט דאפּקע א שטאָך!

ס׳מאכן זיך די דינסטן
א יאָנטעוו פון דער וואָך.

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט, ווער אנשטומט —
סאָרקע ס׳ערשטע וואָרט באקומט!

מײַן גליקלעכע כאַוועַרטע

1

איך האָב די שילער
געפירט אַפּ שפּאַציר, —
אוי, די נעשאָמע
טיאָכקעט אין מיר!

רײַט ער פאַרבײַ
און קוקט אַזוי טריב,
ער האָט מיך ניט ליב —
זי האָט ער ליב!

זי האָט די שילער
געפירט אַפּ שפּאַציר, —
איז ווי האָט ער פרײלעך
געשמײכלט צו איר!..

כ׳וואַרף אים אַ בלימל —
בלײַבט עס אַף דר׳ערד.
צו איר נאָכן בלימל
שפּרינגט ער פון פערד...

2

א י כ האָב געטראָגן
די ערשטע די פּאָן —
אוי, אַז מײַן לעבן
הייבט זיך ערשט אָן!

רײַט ער פאַרבײַ
און קוקט אַזוי טריב,
ער האָט מיך ניט ליב —
ז י האָט ער ליב!

ז י האָט געטראָגן
די צווייטע די פאָן, —
איז ו י האָט ער פריילעך
אַ ווונק איר געטאָן!

איך וואַרף אים אַ בלימל —
בלײַבט עס אַף דר׳ערד.
צו איר נאָכן בלימל
שפּרינגט ער פון פערד...

זאָל איך קרענקען...

ניט דאָס פּאָנעם, ניט די ציינער —
אינעווייניק לאַכט אין מיר,
לאַכט דאָס כּיעס אין די ביינער,
זינט איך האָב שפּאַצירט מיט דיר.
לאַכט דאָס כּיעס אין די ביינער —
נאָר פון דיר, פון דיר אַליין נאָר!

איידלער פון דיין איידלען פּאָנים,
זאָל איך קרענקען, צי סע דאָ.
ס'קענען בלייבן מויל-סימאָנים,
אויב דעם גרינגסטן קוש דיך טאָן.
ס'קענען בלייבן מויל-סימאָנים
אַף דיין איידלען ליבן פּאָנים!

קושנ דיכ זאָלסטו פארווערנ —
כ׳קענ עס טאָנ דאָכ צופיל שטארק.
דיכ ארומנעמענ זאָלסט שטערנ —
טאָמער טוט עס דיכ א ווארג.
דיכ ארומנעמענ זאָלסט שטערנ —
כ׳קענ פונ גליק צעגאנגענ ווערנ!

ביסט מיט מיר...

ביסט מיט מיר אָט דאָ געזעסן,
עפשער וועסטו ניט פארגעסן, —
בא דער ווערבע, לעבן פעלד,
אינעם קייווער ליגט דײַן העלד.

אונטער ערד איז שווער דאָס ליגן,
שווער איז, ווען מע ווערט אנשוויגן.
אויב דו קומסט צו מיר אהער —
טרעט ניט, טאָפּטשע ניט די ערד.

שווער איז מיר מײַן ערדן־שטיבל —
ווײַל געווען א שווערע ליבע.
שווער איז מיר די ערד ווי בלײַ, —
ווײַל כ'האָב דיך געליבט געטרײַ!

דער שלימאזל אפ קעסט

(לויט שאָלעם־אליי‏כעמס מאָטיוו)

— גיי, גאָדל, מײַן מאנצי, קיין האָצעקלאָצ גיי
און קויפ אונדז א ציג פאר די דרײַערלעך צוויי.
די פיקערס זאָל זײַן וואָס צו פיקן,
מיט מילעך דאָס הארצ צו דערקוויקן.
גאָדל, גדידל, געדענדי.

נו, גיי שוין, מײַן מאנצי, לאָז אָפ דאָס געניי,
די ווערעמ מאמזיירים — זיי ציִען די קליי,
א ג'זינדל שלימאזעלעך טראָג איך.
די ציג וועט אונדז ראטעווען, זאָג איך.

נעמט גאָדל דעם שטאָק, לאָזט אין וועג זיך אוועק,
און קומט אפן מארק פון די ציגן און בעק,
און קויפט זיך א ציג א פרינצעסן, —
די שטוב וועט שוין מילעכיקס עסן.

ווי ר׳גייט מיט דער ציג, טרעפט אין וועג זיך א שענק,
די ציג דאָס דערזעט, איז כאַטש גיב איר א קרענק, —
א ציג צו א שענק זאָל גאָר פּליִען ?!
דעם ייִדן באַם שטריק זאָל זי ציִען ?!

די ציג בלײַבט באַם שוועל, ס׳קומט נאָר גאָדל אויפֿן,
א קעלעשיק יאַש בײַט דעם קעלעשיק ווײַן :
— ס׳א ציג ? — ס׳א זאוואָד. ביסט מעסופּעק ?
איי, שענקער, א רו׳ח אין דײַן פּופּעק !

גיב אָן ! מירן בראָדסקין אין טויט ארײַן טאָן.
ס׳א ציג ? — א זאוואָד. דעם זאוואָדטשיק גיס אָן ! —
און דאָ גייט דער שענקער פארבײַטן
די ציג אפּ א באָק א פארשײַטן.

קומט גאָדל ארויס און פון כידעש שרײַט אויס :
— א נעס באַ דער שענק ! אוי, א ציג ווערט דאָ גרויס.
אוי, זעט נאָר די שפּאָרן, דעם האָרן —
מײַן ציג, מיר זײַנ׳ גרויס דאָ געוואָרן!

די ציג בינדט ער צו צו דעם גארטל, און — היי !
— אוי, שלעפּ מיך ניט, קאָזע, דער קריזש טוט מיר ווי.
וואָס איז אפּ דיר, גאזלען, דאָס יאָגן ?
דו ווילסט מיר די ביינער צעטראָגן ?

אוי, אכבעריש, שעמ זיך, אפ דר׳ערד שוינ איך ליג,
—אָט האָסטו, מיט קפּיצאס-האדערעך א ציג!
אָט איז שוינ די שטוב, נעמ פּארקערנ —
דאָס קאָל פונ מײַנ װײַב לאָזט זיך הערנ, —
גאָדל, גדידל, געדענדי!

ברענג קריגלעך, מאדאמ, אונ דאָס מילכיק׳ געפּעס,
ארויסרופ די קינדער אהערצו, איך הייס.—
ס׳א ציג? — א זאװאָד, קיינ איינאָרע, —
א טשערעדע קי די קאפּאָרע!

— אוי, גאָדל, מײַנ שלאק, אוי, ניט װיי צו דײַנ קאָפּ?
ס׳א ציג דענ? אוי, גאָט, גיי אונ מעלק אימ א צאָפּ.
שלימאזל, ניט זײַ די קאפּאָרע —
װאָס האָסטו געבראכט פאר א צאָרע?!

אוי, קינדערלעך, װיינט, װיסטע פּרעסערלעך, קלאָגט,
אוי, הונגעריקע װעלפלעך, די לאפּקעלעך נאָגט.
נאָך מילעך די אויפּעלעך בענקענ —
שלימאזל, א ציג זאָלסטו ברענגענ!..

פירט גאָדל דעמ באָק אונ צומ שענקער ער קומט,
די מײַסע דערציילט, אונ דער שענקער זיך קרימט:

— דו רעדסט נאָכ פונ מילעכ אונ פוטער, —
דו זעטסט ניט? — ס'אליינ דער ניט-גוטער!

— היי, שענקערקע, —שרײַט ער, — דאָס מעלקשעפל גיב!
די ציג טו א מעלק נאָר, ווי גאָט איז דיר ליב.
נו, פרווו!.. זע... די מעלקערלעכ רינענ. —
זי מעלקט זיכ! — דער ייִד איז פונ זינענ.
גאָדל, גדידל, געדענדי!

פארכידעשט איז גאָדל, אינ שעפל ער קוקט,
פארשעמט אונ צעקלעמט אונ די אקסל פארצוקט:
— אוי, גאָט, ווי אינ מעלקשעפל הילעכט!
זע, עמעסע, ציגענע מילעכ!

קומ, שענקער, גיס אָנ אונדז דײַנ באָרשטש אינ די קווערט!

לעכאיִמ, ראבויסײַ, — א סימכע באשערט!
אונ אויסגעזופט גיכ דאָס דערלאנגטע, —
די ציג אפנ שטריק... אונ — געגאנגענ.

— לעוואָנע, ביסט שיקער, ווי קומט עס צו דיר?
א טשערעדע ציגנ דיכ שלעפט אפ שפאציר.

וואַרט אויס דאָ, וועסט זען אַפּ באַלאָנעס,
ווי גאָדל דעם ווײַב שוואַרצט דאָס פּאָנעם...

היי, אישע, — אַ ציג, וואָס גיט מילעך דער וועלט, —
אַ שטומע בעהיימע — מעוויַיִעש געשטעלט!
ווען איך בין אַ ציג, כאַסכאָלילע...
גו, בעט בא דער קאָזע מעכילע!..

דאָס ווײַב רוקט אים אָפּ, און דאָס קריגל זי האַלט
און זעצט זיך צום מעלקן. וואָסי דאָ? — זי פאַלט!
זי כאַלעשט אויִ וווערטער זי בעלבעט:
— אַ בראָך... צו די סאָנים... דאָס זעלבע...

און גאָדל דערשראָקן, די בריִע ער שלעפּט,
און בלאָנקעט מיט איר אין דער נאַכט, אינעם סטעפּ,
און קומט צו דעם שענקער, דערשרעקט אים —
אַן אײַצע זיך האַלטן ער וועקט אים.

דער שענקער הערט אויס און די ציג ברענגט אַרײַן.
דער דינסט הייסט ער מעלקן — זי מעלקט זי גאָר פײַן.
— זע, מילכיקע מילעך סע מעלקט זיך! —
און גאָדל פון כידעש צעשמעלצט זיך!
גאָדל, גדידל, געדענדי!

א קויסע אפגיכ, און די ציג אפנ שטריק,
און לויפט מיט קוראזש צו זײַנ װײַבל צוריק.
דאָס װײַב זעט די ציג, שרײַט זי: — ראָשע!
דאָס זעלבע... — און פאלט אינ כאלאָשעס.

האָט גאָדל דערהויבנ זײַנ קאָל און געזאָגט:
— ריבוינעשעלוילעם, — ס'איז נאכט צי סע טאָג?!
אינ שענק — איז די ציג א בעהיימע!
אינ דר'היים איז זי!.. פו... מעגסט זיכ שעמענ!

דאָ הייבט אופ דאָס װײַבל דעם קאָפּ און דערקלערט:
— דו קלאָלע ניט, גאָדל, מיסטאם איז באשערט,
א ציג זאָל איר גנאָד אונדז ניט װײַזנ, —
נאָר מיר נאָכ א באָק זאָלנ שפּײַזנ.

מיסטאם איז באשערט אונדז אנ איבעריק מויל,
איז נעמענ מיר אָנ דעם שלימאזל פאר װויל, —
זעקס פיקערס איז דאָ, — זאָל זײַנ זיבנ...
דער באָק איז אפ קעסט זיי געבליבנ.
גאָדל, גדידל, געדענדי.

דאָס כאַזערל עסט, מע זאָל עס עסן

אוי, איך, כאַזערל, לויף אַהיים,
מע וועט מיר געבן פיש מיט כריין.
פון אַלע טעפּעלעך —
באָרשטש מיט קרעפּעלעך,
פון אַלע שיסעלעך —
אַלץ צו ביסעלעך.
איך עס און פרעס און נאָך איך בעט,
זײַן זאָל איך געשמאַק און פעט.
און דערפאַר מע וועט מיך נעמען,
און דערפאַר מע וועט מיך בינדן,
און דערפאַר מע וועט מיך קוילען,
און דערפאַר מע וועט מיך שינדן,
און דערפאַר מע וועט מיך בראָטן,
און דערפאַר מע וועט מיך זאַלצן —
און מע וועט מיך אויפעסן
גאָר-גאָר אינגאַנצן!

נעמ אראָפּ דעמ האָנ דעמ קאָפּ,
איידער גרייטסט פאר אימ דעמ טאָפּ

מע האָט דעמ האָנ אהיימ געבראכט,
אונ אלצ צומ קאָכנ גרייט געמאכט.
א גוטער האָנ,
א ווילער האָנ —
מע דארפ אימ נאָר א קוילע טאָנ.

די רייִז געשוווענקט, דאָס מעסער — שארפּ,
אונ גרינס אונ בעבלעכ, וואָס מע דארפ.
דער גוטער האָנ,
דער ווילער האָנ
האָט זיכ פונ שטריקלעכ אויסגעטאָנ.

דאָס פייער ברענט, איצט נעמ אונ קאָכ, —
מע גייט דעמ האָנ א נעמ טאָנ — אָכ!
דער גוטער האָנ,

דער ווילער האָן
אוועק איז א שפּאַציר צו טאָג.

מ׳איז אלע זוכן אים ארויס,
סע קאָכט דער טאָפּ און קאָכט זיך אויס.
דער גוטער האָן,
דער ווילער האָן
האָט עפּעס וויכטיקערס צו טאָן.

ער לאָזט זיי גריסן פון דער ווייַט,
ער ווינטשט זיך האלטן אין א זייַט
און זעלבסט זיך ווילטיק אָנצוטאָן.
ער האלט ניט פון קיין קוילע טאָן, —
דער גוטער האָן,
דער ווילער האָן!

אינהאלט

זײַט

עלפ טעכטער	3
מאזלטאָוו	6
די שווע	8
מײַנ טײַערער	9
די קאלע וויל ניט דעמ כאָסנ	10
ווער צעפיקעט!	13
מײַנ גליקלעכע כאווערטע	16
זאָל איכ קרענקענ	18
ביסט מיט מיר	20
דער שלימאזל אפ קעסט	21
דאָס כאזערל עסט, מע זאָל עס עסנ	27
נעמ אראָפ דעמ האָנ דעמ קאָפ, איידער גרייטסט פאר אימ דעמ טאָפ	28

Л. Квитко

ОДИННАДЦАТЬ ДОЧЕРЕЙ

Редактор *А. Фрумкин.*
Техред *А. Фридкин.*
Корректор *А. Хармац.*

Сдано в набор 16/X-1939 года. Подписано к печати 20/I-1940 г. Формат бум. 57 × 92¹/₃₂. 1 п. л. уч. изд. лист. 1 „Дер Эмес“ № 332. Уполномоченный Главлита РСФСР А—23873. Тир. 6000 Заказ № 754. Цена 50 к.

17-я фабрика нац. книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига“, Москва, Шлюзовая наб.,10.